- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## לבחורי חמד

### די חשיבות פון יעדע רגע

התשוקה והצימאון של הקב"ה
בעבודתו של אדם בכל רגע ורגע


יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

בשלח שנת תשפ"ג לפ"ק

- גליון כא -

## כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י ידידינו היקר שביקרים
האברך החשוב והמפואר איש האשכולות
מופלא ומופלג בכל המעלות ובעל מידות תרומיות ומוזהבות

# הרוצה בעילום שמו

לעילוי נשמת
הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה
וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה
מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה
והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן** בן **מנחם מענדל** ע"ה
**ת.נ.צ.ב.ה**

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו מתוך עושר ואושר וחיים טובים ארוכים מתוך שלום שלוה וכט"ס

ולעילו נשמתה הטהורה של
האה"ח מרת **חי' שרה** בת ר' **צבי** ע"ה
נלב"ע ז' חשון תשפ"ג

זכות הפצת התורה יהיה עילוי לנשמתה למעלה בגנזי מרומים,
ויהי' לזכות לצאצאיה היקרים ללכת בדרכיה הנעלים והטהורים

---

הלימוד בגליון הלז
יהיה לזכות רפואתו השלימה והמהירה של
**מרן רבינו שרגא פייביש בן מלכה שליט"א**
בתוך שאר חולי ישראל

---

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# די חשיבות פון יעדע רגע

## התשוקה והצימאון של הקב"ה בעבודתו של אדם בכל רגע ורגע

### גן עדן און פנימיות אויף די וועלט

טייערע בחורים! ווען מען קומט אריין דא אינעם היכל הישיבה, שפירט מען ווי מען גייט אריין אין אנדערע וועלט, מען שפירט ווי מען קומט אריין אין גן עדן התחתון, די ישיבה איז אפגעטיילט און אפגעזונדערט פון די אינדרויסנ'דיגע וועלט, עס איז דאך ממש ווי אן עיר מקלט פאר די נשמה, און פאר די רוחניות פונעם מענטש, בחורים זיצן דא און לערנען על התורה ועבודה, און זענען אויסגעטון פון אלעס וואס טוט זיך ארום, און שטייגן על אדני התורה והיראה,

דער וואס געפונט זיך אין די גן עדן, ווייסט נישט וואס דאס איז, און דאס איז דאך די מציאות פון יעדע זאך אויפן וועלט, אז דער פון אינעווייניג פארשטייט נישט וואו ער געפונט זיך, מען דארף האבן איינער פון אינדרויסן וואס זאל אים קומען מסביר זיין אין וועלכע גן עדן, ענק - טייערע בחורים - געפונען זיך.

אינדרויסן איז דאך פארהאן א וועלט, עס טוט זיך אפ אסאך נייעס'לעך דארט אינדרויסן, אבער דאס איז אלץ בלויז די חיצוניות'דיגע חלק פון די וועלט, מען דארף וויסען עס איז טאקע ריכטיג אז די נייעס וואס עס טוט זיך אפ אויפן וועלט, איז מערסטנס פון די חצוניות'דיגער טייל פונעם וועלט, אבער דאס איז נישט דער עיקר, די גן עדן התחתון וואס געפונט זיך אויף די וועלט, דאס איז די פנימיות פון די וועלט, און דאס איז דער עיקר פון די וועלט.

## תכלית בריאת העולם

דורכדעם וואס א בחור געפונט זיך בין כותלי הישיבה, ער ווייסט נישט און עס אינטערעסירט אים נישט וואס עס גייט פאר אויף די וועלט, און ער פארשטייט די סיבה פארוואס ער איז דא אויף דער וועלט, ער פארשטייט פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, און וואס איז די תכלית פון די בריאה, דאס איז די פנימיות פון די וועלט.

און מען דארף זיך טאקע מתבונן זיין בתכלית הבריאה, פארוואס האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט, דער אויבערשטער האט דאך דאס באשאפן פאר א סיבה, א מטרה, און א תכלית.

**"דער אויבערשטער איז יעדע סעקונדע מחדש זיין הנהגה אין די וועלט, און יעדע רגע פאדערט זיך א סיבה און א מטרה פארוואס די וועלט זאל ווייטער ממשיך זיין און האבן א קיום"**

זיך מתבונן זיין און דעם, אז נישט ח"ו דער אויבערשטער האט באשאפן און אויסגעשטעלט ווי אזוי די וועלט זאל זיך פירן, און עס פירט זיך פון זיך אליינס, נאר דער אויבערשטער איז יעדע סעקונדע און יעדע רגע ממש מחדש זיין הנהגה אויף די וועלט, און ממילא יעדע ורגע פאדערט זיך א נייע סיבה און א מטרה פארוואס די וועלט זאל ווייטער ממשיך זיין, און בלייבן שטיין אויף ווייטער,

און צוגלייך צו דעם דארף זיין אונזער עבודת ה', און פארשטיין אז דער אויבערשטער ווארט, און האט א צימאון און א תשוקה אויף אונזער עבודה בכל רגע ורגע, אזוי ווי מען וועט דאס בס"ד ערקלערן.

## די חיות וואס דער אויבערשטער איז משפיע בכל רגע ורגע

ביים דאווענען ביי די ברכה פון 'יוצר אור', זאגט מען די ווערטער **'המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשי בראשית'**, דער אויבערשטער באנייט יעדן טאג די וועלט פון דאסניי, און יעדן טאג איז פארהאן א פרישע בריאת העולם, ווי דער אויבערשטער באשליסט פון פריש צו

ווייטער מהוה זיין, און מחיה זיין די וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[א], און מען זאגט עס יעדן טאג ביים דאווענען, **וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם**, דער אויבערשטער איז מחיה יעדן סעקונדע פון די טאג יעדע איינציגסטע באשעפעניש אויף די וועלט, און גארנישט ווערט געפירט פון זיך אליינס, נאר אלעס באקומט א שטענדיגע חיות פונעם אויבערשטן.

אזוי ווי עס איז באקאנט דער הייליגער טייטש פונעם אור שבעת הימים דער בעל שם טוב זי"ע, אויפן פסוק אין תהלים[ב], **לְעוֹלָם ה' דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם**, אז די ווערטער פון דער אויבערשטער, וואס מיט דעם האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט, דאס איז איין שטיק נצחיות, וואס דאס געבט אריין א חיות אין די וועלט, און אויב וואלטן די אותיות פונעם אויבערשטער נסתלק געווארן אפילו בלויז פאר א רגע, וואלט די וועלט נישט געקענט האבן חיות, און אלעס וואלט צוריק געווארן תוהו ובוהו[ג].

---

**א** נחמיה ט, ו.

**ב** תהלים קיט, פט.

**ג** הובא בספר התניא (שער היחוד והאמונה פרק א'), וזלש"ק, כתיב (תהלים קיט, פט) 'לעולם ה' דברך נצב בשמים', ופירש הבעל שם טוב זצוקללה"ה כי דברך שאמרת (בראשית א, ו) 'יהי רקיע בתוך המים וגו'', תיבות ואותיות אלו, הן נצבות ועומדות לעולם בתוך רקיע השמים ומלובשות בתוך כל הרקיעים לעולם להחיותם, כדכתיב (ישעיה מ, ח) 'ודבר אלקינו יקום לעולם, ודבריו חיים וקיימים לעד וכו''. כי אילו היו האותיות מסתלקות כרגע חס ושלום וחוזרות למקורן, היה כל השמים כאין ואפס ממש, והיה כלא היה כלל, וכמו קודם מאמר יהי רקיע ממש, וכן בכל הברואים שבכל העולמות עליונים ותחתונים, ואפילו ארץ הלזו הגשמית בחינת דומם ממש, אילו היו מסתלקים ממנה כרגע חס ושלום האותיות מעשרה מאמרות שבהן נבראת הארץ בששת ימי בראשית היתה חוזרת לאין ואפס ממש, כמו לפני ששת ימי בראשית ממש וכו', עכ"ל, עיי"ש. וכן הובא בכמה ספרי תלמידי הבעש"ט זי"ע.

**וראה** עוד בספר באר מים חיים (בראשית, שם) שכתב ע"ז וז"ל, כי הנה אומן בשר ודם העושה כלי, על דרך משל הצורף לוקח שברי חתיכות כסף ועושה מהם כלי, הנה ודאי בעת עשיית הכלי הניח בה חכמתו ופעולת מעשה ידיו, וכח הפועל בנפעל להיות הכלי נעשה על ידו, אבל אחר גמר פעולתו בעשיית הכלי על תכונתה, אין לו בה שום מחשבה ושום פעולה, כי הכלי נשארת על מעמדה בלתי השגחת האומן, כי הוא עשה את הכלי יש מיש, כלי נאה מחתיכת כסף, ועל כן אחר שנגמרה עשייתו אינה צריכה להאומן, כמו שעיקרה היה במציאות קודם שבאה ליד האומן. לא כן

און ווייבאלד דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט פאר א תכלית און א מטרה, פאדערט זיך אז יעדע רגע ורגע וואס דער אויבערשטער איז מחיה די וועלט, זאל זיין א סיבה פארוואס דער אויבערשטער זאל ווייטער מחיה זיין די וועלט, און איר געבן ווייטער חיות.

און צוליב דעם פארמאגט די עבודה פון יעדע איד בכל רגע ורגע א מורא'דיגע חשיבות און טייערקייט ביי דער אויבערשטער, און דער אויבערשטער גלוסט און איז משתוקק און קוקט ארויס צו די עבודה פון יעדע איד וואס ער טוט יעדע סעקונדע, ווייל דורכדעם איז דער אויבערשטער ווייטער מחיה די וועלט.

## די גרויסקייט פון בלויז א רגע

ווען דער אויבערשטער האט געשיקט משה רבינו זאל גיין אויסלייזן כלל ישראל, און משה רבינו איז צוריק געקומען קיין מצרים, פארציילט די תורה וואס עס האט זיך אפגעשפילט אויפן וועג אראפ קיין מצרים[ד]:

**וַיְהִי בַדֶּרֶךְ בַּמָּלוֹן וַיִּפְגְּשֵׁהוּ ה' וַיְבַקֵּשׁ הֲמִיתוֹ. וַתִּקַּח צִפֹּרָה צֹר וַתִּכְרֹת אֶת עָרְלַת בְּנָהּ וַתַּגַּע לְרַגְלָיו וַתֹּאמֶר כִּי חֲתַן דָּמִים אַתָּה לִי. וַיִּרֶף מִמֶּנּוּ אָז אָמְרָה חֲתַן דָּמִים לַמּוּלֹת.**

באומנתו יתברך שמו, כי הוא ברא כל העולמות יש מאין, וקודם הבריאה לא היה במציאות כלל שום נברא, ונמצא גם אחר בריאתן אם יסתלק חלילה השגחת הבורא מהם, אף על רגע כמימריה, היו כל העולמות כמו שהיו קודם בריאתן והיו לאפס ואין ממש, ועיקר חיותן וקיומן הוא בכח הראשון שהניח בוראינו ברוך הוא וברוך שמו בבריאתן, והמה אותיות התורה אשר בהם ברא את עולמו כמאמר חז"ל עיין שם, דרך משל במאמר יהי רקיע בתוך המים וגו', הנה באותיות הללו נתהוה הרקיע, ועד עתה באותיות הללו הם חיותן וקיומן של השמים ושמי השמים, ואלמלי יצויר העדר שפע חיות האותיות משמים ברגע אחד, תיכף ומיד יחזרו לכמו שהיו לאין ואפס ממש, והיו כלא היו, וכמו כן בכל העולמות שלמעלה ושלמטה, וזהו שאמר הכתוב לעולם ה' דברך נצב בשמים כלומר דברך אשר דברת בבריאת השמים להיות אמר ויהי, עד הנה הוא נצב ועומד בשמים להיות על ידו קיום השמים, עד כאן דברי פי חכם חן, עכ"ל.

ד שמות ד, כד - כו. וכדאיתא בגמרא נדרים דף לב.

ווען משה רבינו איז געווען אויפן וועג קיין מצרים, האט ער נאכנישט געהאט גע'מל'עט זיין ניי געבוירענע זון אליעזר, וויבאלד משה רבינו האט געמאכט א חשבון אז עס איז א סכנה זיך ארויסצולאזן אויפן וועג מיט א פריש גע'מל'עטע קינד, און האט זיך נישט געוואלט פארזוימען אוןווארטן דריי טעג ביז די סכנה גייט פארביי, וויבאלד דער אויבערשטער האט אים יעצט באפוילן ער זאל אראפגיין קיין מצרים.

אבער זייענדיג אין א גאסט הויז נאנט קיין מצרים, איז שוין מער נישט געווען סכנה, און משה רבינו האט זיך דעמאלטס פארזוימט און האט נישט גע'מל'עט זיין זון[ה].

און די גמרא פארציילט, אז עס איז דעמאלטס געקומען א מלאך אין א דמות פון א שלאנג, און ער האט איינגעשלינגן משה רבינו, ביז צפורה האט פארשטאנען אז דאס קומט צוליב דעם וואס מען האט נישט גע'מל'עט אליעזר[ו], און זי האט שנעל גענומען א שארפע שטיינדל, און אים גע'מל'עט, דעמאלטס האט דער מלאך אפגעלאזט משה רבינו.

ווען מען איז זיך אביסל מתבונן וואס עס האט דארט פאסירט ערוועקט דאס א גרויסע וואונדער, פארוואס האט דאס פאסירט צו משה רבינו?

משה רבינו איז יעצט אויפן וועג צו זיין דער אויסדערוועלטער שליח אויסצולייזן כלל ישראל פון מצרים, די גאנצע עתיד פון כלל ישראל ליגט אין די הענט פון משה רבינו, מיט די שליחות וואס דער אויבערשטער האט אים געשיקט, און משה רבינו איז געווען דבוק אין מקושר מיטן אויבערשטן אויף א מורא'דיגע פארנעם[ז], אזוי ווי מען טרעפט אין חז"ל,

---

ה די מפרשים זענען מסביר, אז וויבאלד משה רבינו איז שוין געווען נאנט קיין מצרים, און עס איז נישט קיין ווייטע מהלך צו גיין קיין מצרים, דעריבער איז שוין נישט געווען אזא סכנה צו מל'ן א קינד. (מהר"א מזרחי).

ו די גמרא אין נדרים (דף לא:) פארציילט, והיה המלאך נעשה כמין נחש, ובולעו מראשו ועד יריכיו, וחוזר ובולעו מרגליו ועד אותו מקום, הבינה צפורה שבשביל המילה הוא, ע"כ.

ז אזוי ווי מען האט שוין בס"ד מאריך געווען אינעם מאמר 'רצופות איז די שליסל פון הצלחה'.

אז משה רבינו איז אויפגעוואקסן אין זיינע יונגע יארן אין מצרים ביי פרעה אינדערהיים, און פון די דרייצן יאר אלט, ווען ער האט געשלאגן די מצרי און אים גע'הרג'עט, איז משה רבינו פארטריבן געווארן פון מצרים. און פאר זיבעציג יאר איז משה רבינו געווען פארטריבן געווארן אין די פרעמד, ער איז געווען גענצליך אפגעזונדערט און איינזאם פון זיין פאלק.

משה רבינו איז אריבער העכער זיבעציג יאר פון מורא'דיגע שוועריקייטן, ער איז געווען איינער אליינס אויף זיין וועלט, זיין זיווג האט ער נאר געטראפן סוף פון די זיבעציג יאר, ביי יתרו, וואס איז געווען א כומר פאר עבודה זרה. אבער פונדעסטוועגן איז משה רבינו געווען דבוק און מקושר אינעם אויבערשטן די גאנצע צייט, און געדינט דער באשעפער טראץ די אלע נסיונות און שוועריקייטן.

און נישט נאר דאס, מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך, ווען משה רבינו האט געבוירן א קינד, האט ער אים א נאמען געגעבן 'אליעזר', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[ח], **וְשֵׁם הָאֶחָד אֱלִיעֶזֶר כִּי אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה.** משה רבינו האט געגעבן די נאמען 'אליעזר' אלץ שבח והודיה פארן אויבערשטער אז ער האט איהם געהאלפן און געראטעוועט פון די שווערד פון פרעה.

ווען מען טראכט אריין וויפיהל יאר איז אריבער זינט די מעשה פון פרעה ביז ווען משה רבינו האט געבוירן זיין זון אליעזר, קומט דאס אויס בערך זיבעציג יאר! יארן לאנג איז אריבער און משה רבינו געבט א נעמען 'אליעזר' צו דאנקן דער אויבערשטער וואס האט אים געראטעוועט זיבעציג יאר צוריק! צו דען איז משה רבינו גארנישט אריבערגעגאנגען במשך זיבעציג יאר?

נאר וואס דען, משה רבינו האט כסדר געלעבט מיט דער אויבערשטער און געדינט דער אויבערשטער אן קיין שום הספק, און נישט קיין חילוק וואס ער איז נאר אריבער, האט דאס אים נישט אפגעשטעלט

ח שמות יח, ד.

פון זיין עבודת ה', און משה רבינו האט געלעבט און זיך מחזק געווען די גאנצע זיבעציג יאר מיט די חסד ה' אז ער איז געראטעוועט געווארן פון פרעה.

און דאס איז גאר א הויכע מדריגה אין עבודת ה', און טאקע צוליב דעם איז משה רבינו אויסגעוועלט געווארן צו ווערן דער מנהיג פון כלל ישראל, און זיי ארויסנעמען פון מצרים[ט], אויב אזוי פארוואס האט דאס פאסירט צו משה רבינו?

נאר דער פשט איז, וויבאלד יעצט אויפן וועג אראפ קיין מצרים איז געווען א 'רגע' פון א חרון אף, צוליב וואס ער האט זיך פארזוימט א רגע צו מל'ן זיין קינד, דעריבער האט דאס אלעס פאסירט[י].

פון דעם קענען אונז זיך לערנען - מיט אונזערע פשוט'ע השגה - די טייערקייט און חשיבות פון א רגע, יעדע רגע האט א חשיבות פאר זיך, דער אויבערשטער קוקט אויף די עבודה פון יעדע רגע ורגע, און מען טאר זיך נישט פארנאכלעסיגן קיין שום רגע.

## יעדע רגע א פרישע התחדשות

די נקודה דערפון איז אזוי ווי מען האט אויבן דערמאנט, אז יעדע רגע איז פארהאן א פרישע התחדשות אויפן וועלט, וואס דער אויבערשטער איז מחיה די וועלט יעדע רגע, און יעדע רגע איז פארהאן א פרישע

ט אזוי ווי עס ווערט אויסגעשמועסט באריכות, אינעם אויבנדערמאנטע מאמר.

י אזוי אויך זעט מען אין חז"ל (ברכות דף ז.) וואס עס קען אלץ פאסירן אין א רגע פון א חרון אף, וזה לשונם, ומי איכא רתחא קמיה קודשא בריך הוא, אין, דתניא וא-ל זעם בכל יום, וכמה זעמו רגע וכו', ואין כל בריה יכולה לכוין אותה שעה, חוץ מבלעם הרשע, דכתיב ביה 'ויודע דעת עליון', השתא דעת בהמתו לא הוה ידע דעת עליון הוה ידע, אלא מלמד שהיה יודע לכוין אותה שעה שהקב"ה כועס בה, ע"כ. און תוס' (ד"ה שאלמלי) דארט פרעגט וז"ל, ואם תאמר מה היה יכול לומר בשעת רגע, יש לומר 'כלם' וכו'. עיי"ש. דאס הייסט אז בלויז פון די רגע וואס דער אויבערשטער איז זועם, וואלט בלעם דאס געקענט אויסנוצן און שעלטן כלל ישראל.

"די גרעסטע תשוקה האט דער אויבערשטער פון ענק טייערע בחורי קודש, וואס ענק פארמאגן די מורא'דיגע מעלה אז ענק זענען תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא"

תכלית אין די בריאה, דעריבער פארמאגט יעדע רגע א באזונדערע חשיבות, וואס מען טאר נישט נאכלאזן און זיך מתעצל זיין.

און דער אויבערשטער איז משתוקק יעדע רגע צו די עבודה פון א יעדע איד, און די גרעסטע תשוקה איבער אלעמען האט דער אויבערשטער פון ענק טייערע בחורי קודש, וואס ענק פארמאגן די מורא'דיגע מעלה אז ענק זענען 'תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא', אזוי ווי עס שטייט אין די ספה"ק[יא], אז ביז די צוואנציג יאר ווערט מען אנגערופן תינוקות של בית רבן, און דער אויבערשטער האט א באזונדערע הנאה פון ענקער ריינע און הייליגע עבודה.

דעריבער דארף מען זיך מתבונן זיך אין די נקודה, און מחשיב זיין אונזער עבודה פון יעדע רגע, און נישט נאר קוקן אויף גרויסע זאכן וואס נעמען אסאך צייט וכדומה, נאר וויסן אז יעדע סעקונדע פארמאגט א חשיבות פאר זיך, סיי לטובה און סיי לרעה.

## התקשרות אינעם אויבערשטן פון א רגע

אזוי אויך דארף מען וויסן אז אז א מענטש קען אמאל שטייגן און האבן אן עליה פאר א לאנגע צייט פון איין רגע, אז א מענטש איז זוכה צו איין רגע פון אמת'ע דביקות און התקשרות צום רבוש"ע געבט דאס כח און שטארקייט אויף ווייטער, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[יב], לגבי די הקרבת קרבן התמיד, '**מעולם לא היה אדם בירושלים ובידו עון, כיצד תמיד של שחר מכפר על עבירות שבלילה, ושל בין**

יא כדאיתא בנודע ביהודה בספרו אהבת ציון דרוש ז', ובספר אור לישרים מהג"ר זרח איידליץ ז"ל דרוש א' ועוד.

יב במדבר רבה, כא, כא.

**הערבים מכפר על עבירות שנעשו ביום'**. די הקרבת תמיד של שחרית און תמיד של בין הערבים, האבן מכפר געווען אויף די עבירות פון ביינאכט און אויף די עבירות פון בייטאג.

דער פשט דערפון איז, אז דורכדעם וואס מען האט מקריב געווען דער קרבן תמיד, טראץ עס איז נישט א זאך וואס נעמט אסאך צייט, אבער די רגע פון די הקרבת התמיד וואס מען איז מקריב פאר אים – וואס אויף דעם שטייט **אֶת קָרְבָּנִי לַחְמִי**[יג], עס איז כביכול די עסן פונעם אויבערשטן, דער אויבערשטער כביכול ווערט געזעטיגט פון די קרבן תמיד - דער רגע פון עבודה און דביקות האט מקשר געווען כלל ישראל מיטן באשפער, און דאס האט געגעבן כח חיות אלקי פאר די גאנצע טאג[יד].

## קריאת שמע איז מקשר דער מענטש מיטן אויבערשטן

אזוי אויך זעט מען ביי דער מצוה פון 'קריאת שמע', אזוי ווי עס ווערט געברענגט א טייטש אין ספה"ק, אויפן משנה[טו], **מאימתי קורין את שמע בערבית משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן**, תרומה ווערט אנגערופן 'ראשית', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[טז] **רֵאשִׁית דְּגָנְךָ**, מיר ליינען קרי"ש מיט דעם פאנגט זיך אן די נאכט מיט אן התקשרות צום אויבערשטן, און דערמיט איז מען ווייטער ממשיך די גאנצע נאכט,

---

יג במדבר כח, ב.

יד און עס ווערט געברענגט פון אריז"ל, אז די ראשית תיבות פון ש'מע י'שראל ה' א'לקינו ה' א'חד, ב'רוך ש'ם כ'בוד מ'לכותו ל'עולם ו'עד, איז א מספר תש"ל, וואס דאס איז די מספר פון קרבנות התמידים שחרית וערבית וואס מען האט מקריב געווען א יאר אין בית המקדש, וראה בהמשך דברינו עבודת הרגע בקבלת עול מלכות שמים, והתקשרות להשי"ת ברגע, ע"י קריאת שמע. (ועיין בבעל הטורים (פרשת תצוה שמות כט, לח) שכתב, דראשי תיבות 'שנים ליום תמיד' ר"ת תש"ל, דמנין תש"ל תמידין היו קרבים לשס"ה ימים. ובפרשת פנחס (במדבר כח, ג) כתב רמז זה עה"פ ת'מימים ש'נים ל'יום).

טו ברכות פרק א', משנה א'.

טז דברים יח, ד.

און דאס איז די 'ראשית' פון די נאכט, וואס געבט כח און חיות פאר די נאכט.

דערנאך ליינט מען ווידעראמאל קריאת שמע אינדערפרי, וואס דאס איז א פרישע קבלת עול מלכות שמים, און יענע רגע איז זיך דער מענטש נאכאמאל מקשר מיטן אויבערשטן, און דערמיט וואס דער מענטש האט אנגעהויבן זיין טאג מיטן עול מלכות שמים, בלייבט דער מענטש מקושר מיטן אויבערשטן דורכאויס די גאנצע טאג, ביז עס קומט ביינאכט און ער ליינט נאכאמאל קרי"ש אא"וו.

כלל ישראל ווערט אנגערופן 'ראשית' אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[יז], **קֹדֶשׁ יִשְׂרָאֵל לַה' רֵאשִׁית תְּבוּאָתֹה**, דורך די הנהגה וואס מען ווערט מקושר אינעם אויבערשטער אין בלויז א רגע, איז מען דערנאך ווייטער ממשיך די דביקות אינעם אויבערשטן.

און די זעלבע נקודה איז מיט 'קריאת שמע שעל המטה', דער מענטש לייגט זיך שלאפן, און ער ליינט קריאת שמע איידער ער שלאפט איין, און ער איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים באהבה, ער וויל זיך מדבק זיין מיטן אויבערשטער, און זיך שלאגן מיט זיינע נסיונות, דערמיט געבט ער זיך איבער אין די הענט פונעם אויבערשטן - **בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי**[יח] - און מיט די כח בלייבט ער ווייטער מקושר מיטן אויבערשטן דורכאויס די גאנצע צייט פון זיין שלאפן. אזוי ווי מיר האבן פריער דערמאנט די הנהגה פונעם אויבערשטן, אז ווען דער אויבערשטער איז זיך מקשר מיט א מענטש בלויז פאר א רגע, בלייבט שוין דער מענטש דערנאך פארבינדן מיטן אויבערשטער, און דער אויבערשטער היט אים די גאנצע נאכט, אזוי ווי עס שטייט

**"ווען מען רעדט צו ענק טייערע בחורי קודש, וואס ענק געפונען זיך בגן עדן התחתון, דארף זיין די מחשבה במחשבתו של הקב"ה, און מחשבתו של הקב"ה, איז א עבודה בכל רגע ורגע"**

---

יז ירמיהו ב, ג.

יח תהלים לא, ו.

אין פסוק[יט], **הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל**, דער אויבערשטער היט אפ דער מענטש ברוחניות ובגשמיות.

## אונזער עבודה בכל רגע ורגע

און ווען מען רעדט צו ענק טייערע בחורי קודש, וואס ענק געפונען זיך בגן עדן התחתון, דארף זיין די מחשבה במחשבתו של הקב"ה, און מחשבתו של הקב"ה, איז א עבודה בכל רגע ורגע, און דאס איז א גרויסע יסוד פון אונזער עבודה, וואס דאס געבט א מורא'דיגע תענוג פארן אויבערשטער.

**"איז פון דעם וואס מען זעט אז דער אויבערשטער איז ווייטער מחיה די וועלט, און געבט אריין א חיות יעדע סעקונדע אין די וועלט, טראץ וואס אונז געפונען זיך היינט אין א שווערע דור, און אונז האבן נישט די זעלבע כוחות אזוי ווי אמאל, דאס איז די גרעסטע ראי' אז דער אויבערשטער דארף אונזער עבודה"**

און דער אויבערשטער דארף טאקע אונזער פשוט'ע עבודה, וואס אונז קענען טון לויט אונזערע כוחות, און דינען דער אויבערשטער לויט די מדריגה וואס אונז געפונען, און דאס פארשאפט א גרויסע נחת רוח. און נישט נאר דער אויבערשטער דארף אונזער עבודה, ער דארף אונזער עבודה בכל רגע ורגע.

די גרעסטע ראי' אז דער אויבערשטער דארף אונזער עבודה, און דער אויבערשטער'ס הנאה איז נישט נאר פון די גרויסע הייליגע עבודה פון די פריערדיגע דורות, פון א תשובה אין נודע ביהודה... און פון א שטיקל חתם סופר... איז פון דעם וואס מען זעט אז דער אויבערשטער איז ווייטער מחיה די וועלט, און געבט אריין א חיות יעדע סעקונדע אין די וועלט, טראץ וואס אונז געפונען זיך היינט אין א שווערע דור, אונז האבן נישט די גרויסע כוחות אזוי ווי אמאל.

דאס איז וויבאלד דער אויבערשטער וויל און שעצט אונזער פשוט'ע עבודה, דער אויבערשטער האט א נחת רוח ווען אונז זענען זיך מתגבר אויף

יט תהלים קכא, ד.

א נסיון, און ווען מען שטארקט זיך אויף אונזערע פשוט'ע שוועריקייטן, און דאס געבט א תענוג פארן אויבערשטער יעדע רגע באזונדער.

און דער תענוג וואס אונז זענען גורם פארן אויבערשטער - טראץ וואס דער באשעפער איז מלוא כל הארץ כבודו און דארף נישט צוקומען צו אונזער עבודה - אבער אונזער עבודה דאס געבט אריין א חיות אין די וועלט, אז דער אויבערשטער זאל ווייטער מחיה זיין די וועלט בכל רגע ורגע[כ].

און דער אויבערשטער ווארט מיט א מורא'דיגע תאוה און א צימאון אויף אונזער עבודה, און דעריבער איז דאס א שטארקע מחייב פאר א מענטש צו אויסנוצן יעדע רגע וואס ער פארמאגט פאר עבודת השם יתברך.

**"דער בחור זאגט פארן אויבערשטער וואס שטייט און ווארט פאר זיין עבודה בכל רגע ורגע: "באשעפער, ווארט א מינוט, איך בין נאכנישט גרייט"**

שטעלט'ס ענק פאר, ווען א בחור ליגט אין בעט און זיין זייגער קלינגט אינדערפרי, און עס איז קאלט אינדרויסן און עס איז שווער צו אויפשטיין, און דער בחור געבט א דרוק די סנו"ז קנעפל, און שלאפט ווייטער פאר נאך אפאר מינוט.

עס איז נישט פשט, אז ער האט יעצט צו באקומען נאך פינעף - צען מינוט שלאף. נאר עס איז גלייך ווי דער בחור זאגט פארן אויבערשטער וואס שטייט און ווארט פאר זיין עבודה בכל רגע ורגע: "באשעפער, ווארט א מינוט, איך בין נאכנישט גרייט", וועלכע פנים האט דאס?

---

כ לויט דעם קען מען מסביר זיין פשט אין מדרש (בראשית רבה יד, ט), **רבי לוי בשם רבי חנינא אמר, על כל נשימה ונשימה שאדם נושם צריך לקלס לבורא, מאי טעמא,** (תהלים קנ, ו), **כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָ-ה, כל הנשימה תהלל י-ה.** אויף יעדן אטעם דארף מען עקסטער דאנקן דעם אויבערשטן, וויבאלד אויף יעדע רגע איז דא א פרישע התחדשות אין די חיות העולם, און אויף יעדע אטעם האט דער אויבערשטער ארייגעבלאזן א פרישע גייסט פון חיות, דעריבער איז דאס איז אונזער עבודה צו דאנקן דער אויבערשטער אויף די חיות וואס דער אויבערשטער לייגט אריין בכל רגע ורגע.

ווען מען פארשטייט די חשיבות פון יעדע רגע, געבט דאס אריין א כח אין א מענטש צו נעמען און אויסנוצן יעדע רגע וואס מען פארמאגט, און אכטונג געבן נישט צו פארפאטשקענען די חשוב'ע רגעים וואס אונז פארמאגן, און דורכדעם איז מען גורם א מורא'דיגע תענוג און נחת רוח פארן אויבערשטער.

## דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף די רגע

און טאקע צוליב דעם פארלייגט זיך דער יצר הרע אויף די נקודה מיט זייער שטארקע כוחות, ער וויל צונעמען דער ענין פון 'ראשית', אזוי ווי עס ווערט געברענגט פון די ספה"ק[כא], אז דער פסוק[כב], **רֵ'אשִׁית גּ'וֹיִם עֲ'מָלֵק** איז ראשי תיבות רג"ע, וויבאלד דאס איז די עבודה וואס עמלק וויל אפשוואכן כלל ישראל.

וויבאלד יעדע רגע פארמאגט זייער גרויסע כוחות, און פון איין זייט קען מען זייער אסאך אויפטוהן מיטן זיך מיטכאפן מיט א גוטע רגע, און חלילה פארקערט פון איין שלעכטע רגע קען מען חלילה זייער אסאך פארפאטשקענען.

דעריבער דארף אונזער עבודה זיין צו פארשטיין און מחשיב זיין די טייערקייט פון יעדע רגע, און וויסן וויפיל דער אויבערשטער איז משתוקק אוןווארט מיט א מורא'דיגע אהבה אויף אונזער עבודה בכל רגע ורגע[כג], און דאס געבט א מורא'דיגע תענוג פארן אויבערשטער.

---

**כא** אוהב ישראל מהרה"ק מאפטא זי"ע פרשת נצבים, וכ"ה מהרה"ק מקאריץ זי"ע הובא באמרי פנחס ד' פרשיות אות ק"כ, ועוד.

**כב** במדבר כד, כ.

**כג** בספר קדושת יו"ט (חנוכה אות י"א) הביא בשם הרה"ק האהבת שלום זי"ע, לפרש הפסוק (ישעיה, נד, ז), 'ברגע קטן עזבתיך', שכל רגע ורגע צריך שיהא גדול וחשוב מאוד בעיני האדם, לבל יעזבנו ריקם מבלי עבודתו יתברך שמו, ויש קונה עולמו בשעה אחת ברגע אחד, וזהו שאמר ברגע קטן, לאשר היה הרגע קטן בעיניך, ועזבתו על כן עזבתיך עכ"ל.

ווען מען וועט זוכה זיין צו דעם, 'מי חכם וישמר אלה', מען וועט אפהיטן די טייערקייט פון א יעדען רגע, דורכדעם וועט מען זוכה זיין צו ווערן דבוק און מקושר צום אויבערשטן, און דער אויבערשטער וועט העלפן אז מען זאל קענען מצליח זיין מיט שמחה און נחת, יעדער איינער זאל קענען אויספירן זיינע טייערע שאיפות וואס יעדער איינער פארמאגט אין זיך.

און דורכדעם וואס מען וועט זיין מקושר אינעם אויבערשטן. דעמאלטס וועט מען קענען שטייגן בלי ערך וגבול, און מען וועט זוכה זיין אויסצושטייגן לאילני רברבי, ביז דער אויבערשטער וועט ברענגן דער גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

**פייערדיגע דיבורים נוקבים פון**

# כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**איבער דעם גרויסן כח פון שמירת הדיבור בעת התפלה**

## ניצל צו ווערן פון די מחלה האיומה ה"י

נאמר בעת מעמד כתיבת אותיות בהספר תורה שע"י 'קרן תוס' יו"ט'

**"די זכות פון נישט רעדן ביים דאווענען, דאס איז די זכות הידועה, אז מען נעמט זיך אונטער די קבלה זעט מען ישועות. אונז האבן מיר נישט קיין רפואה ליידער פאר די ביטערע מחלה ל"ע - די איינציגסטע זאך וואס מיר האבן איז די סגולה. מען האט געזען אז א ביהמ"ד נעמט זיך אונטער אז מען וועט נישט רעדן האט עס געארבעט!**

**און באמת אז א איד רעדט צום אייבערשטן שטייט אין חז"ל כמה פעמים אז דער רבוש"ע הערט די תפלה. נאר אמאל ווערן די צינורות פארשטאפט, און איינער פון די גרעסטע גורמים איז אז מען רעדט, זיין מויל ווערט שמוציג, די תפלות קומען נישט אָן. דער קונץ איז, אז דער מויל איז ריין קומט עס אָן.**

רבי שמעון האלט אין איין שרייען אז תפילה איז מורה אויף די ח"י חוליות, די גאנצע שדרה, דער גאנצער מענטש דארף אַריינקאָכן דערין, פון די מח ביז אראפ, אלעס דארף אריין גיין אין די תפלה, אין יעדע ווארט, אז מען זאגט עס ארויס מיט א שטארקייט מאכט מען א שטארקע קשר, מען בויעט אויף די שכינה מיט די ווערטער, און דאס איז א כח חנטה, פשוטו כמשמעו, און נאר אזוי איז מען איז מקבל די שפע אויף א שטארקע פארנעם. נו, וועלכער מענטש וויל דען האבן קשר צו א שמוציגער מענטש, ר"ל?!

שטייט אין נועם אלימלך פ' בהעלותך, אז א מענטש רעדט דברים אסורים שמעקן זיינע ווערטער, ווער וויל דען האבן קשר מיט אים, און ווען ער דאוונט שוין יאָ, רעדט ער צום לאמפ, ר"ל ממש אזוי! אָבער אז מען האלט עס ריין, די דיבורים זענען שיינע דיבורים דעמאָלט פועל'ט מען, עס ארבעט, און מ'ברענגט אראפ, מדה טובה מרובה, אלע לעבטיגע השפעות טובות, פאר זיך, פאר די קינדער, פאר די משפחה, און פאר גאנץ כלל ישראל"!